# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת שלח תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 487



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### נאר אויף יְהוֹשֻעַ האט אויסגעפעלט דאווענען

"וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בִּן נוּן יְהוֹשֻׁעַ" (יג טז)

רש"י ברענגט די דרשה פון די חכמים (סוטה לד ב) אז מיט דעם וואס משה האט געטוישט די נאמען פון 'הושע' אויף 'יהושע', האט ער אינזין געהאט צו דאווענען אויף אים: "י-ה יושיעך מעצת מרגלים". און מען דארף פארשטיין: פארוואס פון אלע מרגלים האט משה געדאווענט נאר אויף יהושע?

ערקלערט האדמו"ר **רבי יצחק מוורקא**:

משה האט געדאווענט נאר אויף יהושע, ווייל ער האט זיך איבערגעצייגט צו זעהן אז פון אלע מרגלים איז ער דער איינציגסטער וואס האט געדאווענט פארן ארויסגיין ער זאל נישט נכשל ווערן אין זיין שליחות. אזוי ווי עס איז מרומז אין זיין ארגינעלן נאמען 'הושע', אז ער האט געבעהטן פון השי"ת ער זאל אים העלפן נישט געשטרויכלט ווערן אין זיין שליחות. דאקעגן דעם, די אנדערע מרגלים וואס האבן נישט געדאווענט פאר זיך, האט זיי משה נישט געקענט העלפן מיט זיין תפילה. פלעגט דער ווארקער רבי אויספירן זיינע רייד מיט א טיפן דערהער: פון דא קען מען זיך לערנען אז דער צדיק קען העלפן נאר פאר דער וואס שטרענגט זיך אן און טוהט אליין פעולות צו גיין אויפן ערליכן וועג, און נישט פאר דער וואס זיצט ליידיג און פארלאזט זיך אויף זיין רבי וואס וועט טוהן די ארבעט פאר אים...

דער באקאנטער חסיד **רבי אהרן ווואלדאן**, בעל 'שם הגדולים החדש', לייגט צו אז עס קען זיין אז צוליב דעם שטייט אין תרגום יונתן אויף דער פסוק: "וּכְדִי חֲמָא מֹשֶׁה עִנְוְותָנוּתֵיהּ קָרָא מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בַּר נוּן יְהוֹשֻׁעַ", ווייל ער האט צוגעזעהן זיין ענוה, אז ער האט זיך נישט פארלאזט אויף זיין ערליכקייט נאר ער האט געדאווענט ער זאל נישט נכשל ווערן אין זיין שליחות, דערפאר האט ער אויך געדאווענט אויף אים.

'אוהל יצחק' השמטות אות יט

### די תפילה פון כלב בן יפונה אין זכות די ישני חברון

"וַיַּעֲלוּ בַנֶּגֶב וַיָּבֹא עַד חֶבְרוֹן וְשָׁם אֲחִימַן שֵׁשַׁי וְתַלְמַי יְלִידֵי הָעֲנָק וְחֶבְרוֹן שֶׁבַע שָׁנִים נִבְנְתָה לִפְנֵי צֹעַן מִצְרָיִם" (יג כב)

פון דעם וואס דער פסוק הייבט אן בלשון רבים - "ויעלו בנגב", און איז ממשיך בלשון יחיד - "וַיָּבֹא עַד חֶבְרוֹן", לערנען ארויס די חכמים (סוטה לד ב, הובא ברש"י) אז כלב איז אוועק פון די וועג פון די מרגלים און איז אליינ'ס געגאנגען קיין חברון, "ונשתטח על קברי אבות ואמר להן: 'אבותי בקשו עלי רחמים שאנצל מעצת מרגלים'".

אין באציאונג צו דער מנהג פון השתטחות אויף קברי צדיקים, רעדן ארום די פוסקים צי מען מעג זיך ווענדן צו א צדיק און בעהטן פון אים ער זאל ממליץ טוב זיין אויף אים פאר השי"ת, אדער אפילו ווען מען דאווענט ביי קברי צדיקים מעג מען זיך ווענדן נאר צו השי"ת אליין - ער זאל צוהערן אונזער בקשה אין זכות פון דער צדיק וואס ליגט דא באערדיגט (ראה פמ"ג או"ח א"א תקפא טז).

דער **מהר"ם שיק** איז אנגעפרעגט געווארן אויף די וואס האלטן אז מען טאר נישט בעהטן פון די צדיקים, אז פון די גמרא זעהט אויס אז כלב האט יא געבעהטן פון די אבות זעלבסט: "בקשו עלי רחמים". האט ער געענטפערט: די וואס האלטן ווי די דעה וועלן ערקלערן, אז אויך כלב האט זיך נישט געוואנדן צו די אבות, נאר ער האט געבעהטן פון הקב"ה אז זייער זכות זאל אים ביישטיין, ד.מ. אז דורך זיין תפילה זאלן נתעורר ווערן די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן אדאנק די מעשים טובים וואס זיי האבן געטוהן בחיים חיותם, און זיי זאלן אויף אים מליץ יושר זיין ער זאל געראטעוועט ווערן פון די שלעכטע עצה פון די מרגלים.

שו"ת מהר"ם שיק, או"ח רצג

### עס איז נישטא א 'עדה רעה' ביי די אידן

"עַד מָתַי לָעֵדָה הָרָעָה הַזֹּאת אֲשֶׁר הֵמָּה מַלִּינִים עָלָי אֶת תְּלֻנּוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הֵמָּה מַלִּינִים עָלַי שָׁמָעְתִּי" (יד כז)

פון דער פסוק לערנען ארויס די חכמים (מגילה כג ב, הובא ברש"י) אז א 'עדה' וואס עס פעלט אויס צו קענען זאגן דברים שבקדושה, איז נישט ווייניגער פון צעהן מענטשן. ווייל צוועלף מרגלים זענען געשיקט געווארן אויסשפיאנירן דאס לאנד, און פון זיי האבן צוויי - יהושע און כלב - נישט געזינדיגט, איז פון דא א באוויז אז דער לשון הפסוק: "לָעֵדָה הָרָעָה הַזֹּאת" באציהט זיך אויף די צעהן איבערגעבליבענע מרגלים.

פון דעם וואס די תורה האט אויסדערוועלט אונז צו לערנען אז צעהן מענטשן ווערן אנגערופן עדה, דווקא אין דער פסוק: "עַד מָתַי לָעֵדָה הָרָעָה", ברענגט זיך דער **רבי ר' מנחם מענדל מרימנוב** א ראי' אז די חטא המרגלים איז געווען "דק מן הדק, ורק לגודל מעלתם נחשבה טעותם לחטא גדול".

**רבי משה פיינשטיין** ערקלערט אז דער פסוק וויל אונז לערנען אז אויף צו זאגן דברים שבקדושה איז גענוג אויך א 'עדה רעה', ד.מ. אויך א מנין פון נישט ערליכע מענטשן. ווייל אין די טיפעניש פון די הארץ פון יעדן איד געפינט זיך א באהאלטענע נקודה פון קדושה, און צוליב די פינטל קען ה' יתברך מאכן רועהן זיין שכינה אויף זיי.

'אגרא דפרקא' אות לג; 'סוכת דוד' אות צג

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### ניינציג אמנים פארן דאווענען

אינעם פריערדיגן ארטיקל האבן מיר אנגעהויבן דיסקוטירן די יסודות פון דעם מנהג ישראל צו זאגן יעדן אינדערפרי די ברכות השחר בצוותא חדא, איינער פארן צווייטן. מיר האבן ציטירט דער הסבר פונעם 'מגן אברהם' (או"ח ו ט) אז דער מנהג איז געגרינדערט כדי דורך דעם זאל דער מענטש קענען זאמלען יעדן טאג ניינציג אמנים וואס ווערן געענטפערט אויף ברכות, אויסער די אמנים וואס מען ענטפערט נאך קדיש, וואס זיי קען מען נישט אריינרעכנען אין דער צאל.

עס זענען געווען וואס האבן ארויסגעלערנט נאך א טעם אויף דער מנהג פון די ווערטער אין זוהר הק' (תיקו"ז חדש דף פד א) וואס פון זיי קומט ארויס א וואונדערליכן חידוש, אנדערשט פון די חוב פון זאגן 'מאה ברכות' וואס ווערט אויסגעשפרייט אויפן גאנצן טאג, די צאל 'תשעים אמנים' דארף מען ערפילן באלד אין אנהויב טאג, נאך בעפאר מ'דאווענט 'שמונה עשרה'. אין ליכט פון דעם ווערט ערקלערט נאך א סיבה אין דער יסוד און חשיבות פון דעם מנהג צו הערן ברכות השחר פון עטליכע מתפללים פארן דאווענען, ווייל דאס איז די איינציגסטע מעגליכקייט צו זאמלען ניינציג אמנים אינדערפרי (הגהות 'בני אבא' על ספר 'פתורא דאבא', ענין ברכות השחר אות ו).

מען קען צולייגן און זיס מאכן די רייד לויט וואס עס שטייט אין זוהר הק' אין פרשת וילך (רפה ב), אז ווען די אידן געבן אכטונג ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, ווען זיי דאווענען פאר הקדוש ברוך הוא אויף זייערע צרות, רופט אויס די קול אין אלע עולמות: "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים" (ישעיה כו ב), און מען דרש'נט: "אל תקרי 'אמונים' אלא 'אמנים'"; 'פתחו שערים' - אזוי ווי די אידן האבן געעפענט די טויערן פון די ברכות, אזוי וועלן זיך עפענען פאר זיי די טויערן פון תפילה און זייער תפילה וועט אנגענומען ווערן.

לויט דעם, אויב דער נביא ישעי' דערקלערט אז די טויערן פון תפילה ווערן געעפענט פאר די וואס ענטפערן אמן, זעהט מען אז עס איז נישטא מער א צוגעפאסטע הכנה צום דאווענען ווי זיך צו פארנעמען מיט ענטפערן אמן, און דאס איז נאך א טעם צו קומען צען מינוט פארן דאווענען צו ענטפערן אמן נאך די ברכות פון עטליכע מתפללים. ס'איז נישט קיין ספק אז די זכות פון ענטפערן די פילע אמן'ס בכלל, מיטן מקיים זיין די תקנה פון זאגן ניינציג אמנים בפרט, וועט עפענען די שערי שמים אז אונזערע תפילות זאל אנגענומען ווערן לרחמים ולרצון.

**מיט א רוף "פתחו שערים"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# 'ברוך המכין מצעדי גבר'

די מעשה פאר אונז איז אונז לעצטנ'ס געשיקט געווארן דורך איינער פון אונזערע געטרייע ליינער, א טייערער און ערליכער איד, וועלעכער האט ווי אסאך מענטשן וואס האבן זוכה געווען זיך צו מדבק זיין אין די מצוה פון ענטפערן אמן און אין דעם מנהג צו זאגן ברכות השחר מיט א חברותא, זוכה געווען אין דעם זכות צו זעהן געוואלדיגע סיעתא דשמיא אין זיינע ענינים.

און אזוי דערציילט אונז אונזער פריינט:

איך בין א בני ברק'ער איינוואוינער, און איך פארמאג א געשעפט פון עסנווארג אין ירושלים. צוליב א געוויסער פראבלעם וואס איז געווען אין פירן די געשעפט, בין איך גערופן געווארן אויף אן אויספארשונג אין די אפיס פון די שטייער אויטאריטעטן אין ירושלים. דער אפוינטמענט איז געווען באשטימט אויף ניין דרייסיג אינדערפרי, און דערפאר האב איך געפלאנט צו פארן קיין ירושלים באלד נאכן דאווענען אין דעם געווענליכן מנין וואו איך דאוון יעדן אינדערפרי, א מנין וואס הייבט זיך אן זיבן א זייגער, אין א שול נעבן מיין הויז.

דא איז דער פלאץ צו באצייכענען, אז בחסדי ה' האב איך זיך מחזק געווען אין די לעצטע יארן אין די מצוה פון ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, און צוליב דעם האב איך מקבל געווען אויף זיך צו קומען פרי יעדן אינדערפרי ארום פופצן מינוט פארן דאווענען, כדי צו קענען אנהויבן דאס דאווענען מיט ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר פון עטליכע פון די



דער פארקער אויפן וועג קיין ירושלים

מתפללים, און אויך זוכה זיין אז מיינע ברכות זאלן געזאגט ווערן מיט א הידור פאר די וואס ענטפערן אמן נאך זיי.

ווי דערמאנט, האב איך געפלאנט זיך ארויסזולאזן אויפן וועג תיכף נאכן דאווענען, ווייל איך האב געוואוסט אז אין די שעה'ן זענען די וועגן פארנומען און דער וועג קיין ירושלים געדויערט לענגער, און איך האב נישט געקענט זיך ערלויבן צו שפעטיגן ביי אזא וויכטיגע און גורל'דיגע מיטינג. צוליב דעם האב איך שוין א נאכט פריער צוגעגרייט אלע דאקומענטן וואס איך האב געדארפט האבן אויף דעם מארגנדיגן טאג, כדי איך זאל זיך נישט דארפן אויפהאלטן, און איך האב אויך געלייגט שלאפן אין א פרי שעה, מיט א תפילה אז די אפוינטפמענט זאל אריבערגיין מיט הצלחה און נישט חלילה ליידן פון קיין שאדן.

אינדערפרי בין איך אויפגעשטאנען ווי מיין שטייגער, אבער צו מיין ווייטאג אין יענעם גורל'דיגן טאג האב איך צוליב א סיבה וואס איז נישט געווען אונטער מיין קאנטראל זיך געמוזט אויפהאלטן אין שטוב א שטיק צייט, אז איך בין אנגעקומען צום דאווענען עטליכע מינוט פארן אנהייבן. ווען איך בין אריין אין שול בין איך נישט איבערראשט געווארן, אבער איך בין געווארן אנטוישט צו טרעפן מיינע קביעות'דיגע 'חברותות' אז זיי האלטן שוין נאכן זאגן 'ברכות השחר'.

יעצט ביז איך געשטאנען פאר א נסיון: צי זאל איך מוותר זיין אויף מיין געוואוינהייט און אנהויבן דאווענען אן צו הערן ברכות השחר און ענטפערן אמן נאך זיי, כדי נישט שפעטיגן ביי יענע גורל'דיגע מיטינג, אדער ווארטן אויף דעם קומענדיגן מנין וואס דארף זיך אנהויבן האלב נאך זיבן, און אזוי קענען אנהאלטן מיין קבלה אויך דעם היינטיגן טאג צו ענטפערן אמן אויף ברכות השחר?

עטליכע סעקונדן האב איך זיך געקווענקלט איבער דעם ענין, דערנאך האב איך זיך אויפגעכאפט, ווען מיטאמאל האט מיך געגעבן א שאקל אויף: נאך אלעם, מיין גאנצע וואקלעניש שטאמט פון נישט פארשפעטיגן צו א זיצונג מיט די שטייער אויטאריטעט; קען דען זיין אז צוליב די כבוד פון א בשר ודם וועל איך אויפגעבן אויף מיין קביעות צו ענטפערן אמן - איז דען כבוד שמים נישט אזוי חשוב ווי די כבוד פון א בשר ודם?!

געטראכט און געטוהן; אויפן פלאץ האב איך באשלאסן צו ווארטן אויפן קומענדיגן מנין און אויך היינט איינהאלטן מיין מנהג צו ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר פון די מתפללים.

די ערשטע מתפללים פון די קומענדיגע מנין וועלכע קענען מיך און מיינע מנהגים, האבן זיך געפריידט צו זאגן זייערע ברכות פאר מיר, און אזוי האב איך אויך היינט זוכה געווען צו זאמלען אסאך צענדליגער אמן'ס איידער איך שטעל זיך דאווענען פארן מלך מלכי המלכים.

האלב נאך אכט, נאכן ענדיגן דאווענען, בין איך אריין אין מיין אויטא און געוואלט זיך ארויסלאזן אויפן וועג. איך האב זיך נישט דערשראקן פון די שפעטיגונג, ווייל איך בין געווען זיכער אז איך האב ריכטיג געטוהן, און איך וועל זיכער גארנישט דערלייגן צוליב דעם וואס איך האב מקיים געווען זיין ווילן.

אבער בשעת איך האב אנגעצינדן דעם אויטא און זיך געאיילט ארויספארן, האט דער טעלעפאן אין מיין טאש אנגעהויבן דריזלען און קלינגען. איך בין געווען איבערראשט צו הערן פון די אנדערע זייט די שטימע פון די שטייער באאמטער וואס איך האב אים געדארפט טרעפן דעם טאג. ער האט זיך זייער אנטשולדיגט און געוואלט מעלדן אז ער וועט מיך נישט קענען היינט טרעפן; "דו ביסט שוין זיכער אויפן וועג קיין ירושלים", האט ער מיר געזאגט פילנדיג מיטלייד, "אבער נאר די מינוט בין איך געוואר געווארן אז איך וועל היינט אינדערפרי נישט קענען קומען צו דער ארבעט. עס טוהט מיך זייער לייד אויף דעם וואס איך האב דיר אומזיסט מטריח געווען..."

"דארפסט נישט זארגן", האב איך זיך געפריידט אים בארואיגן, "אין דער צייט וואלט איך שוין געדארפט זיין אויפן וועג, אבער צוליב א באזונדערע השגחה פרטית האב איך פארשפעטיגט. האסט מיך געכאפט פונקט אין דער מינוט וואס איך שטיי גרייט צום פארן".

דער באאמטער האט זיך געפרייט צו הערן אז ער האט מיך נישט אומזיסט מטריח געווען. מיר האבן שוין אפגעמאכט א נייעם דאטום אויף דער אפוינטמענט, און דאס מאל האב איך זיך געפילט באקוועם אפשמועסן די אפוינטמענט אויף א טאג און צייט ווען איך האב סייווי געדארפט זיין אין ירושלים, און מיר האבן זיך געזעגנט ווי פריינד...

אויפן וועג אהיים האב איך געטראכט אין הארץ, ווען איך וואלט נאכגעגאנגען די עצה פון יצר הרע און מבטל געווען 'נאר דער טאג' מיין הייליגע מנהג, וואלט איך באקומען די מעלדונג אינמיטן וועג, און אזוי וואלט איך דערלייגט לאנגע שעות פון מיין טייערע צייט שטייענדיג א לאנגע צייט אין די פארקער. מ'קען קלאר זאגן, אז זיך אויפהאלטן כדי צו ענטפערן אמן, האט מיך אפגעהאלטן פון די עגמת נפש.

אויב דאס איז נישט גענוג, אויפצומארגנ'ס האב איך זוכה געווען צו זעהן נאך א קאנסעקווענץ פון דעם געשיכטע:

אויפצומארגנ'ס, ווען איך בין אנגעקומען פרי צו דאווענען ווי געווענליך, בין איך געווען איבערראשט צו זען אז איינער פון די קביעות'דיגע מתפללים אין דער מנין וואס איך דאוון יעדן אינדערפרי, וועלכער פלעגט יעדן אינדערפרי זיך אויסמיידן פון צו זאגן די ברכות השחר אין מיינע אויערן, טענה'נדיג אז ער איז געוואוינט צו זאגן די ברכות אין שטוב, איז דאס מאל געשטאנען אין רייע מיט די אנדערע קביעות'דיגע חברותות. בשעת'ן ווארטן האט יענער געענטפערט 'אמן' מיט א ברען אויף אלע ברכות, און ווען עס איז געווען זיין רייע האט ער געזאגט די ברכות פאר מיר מיט א באזונדערע ברען.

נאכן דאווענען, ווען איך האב מילדערהייט אויסגעדריקט מיין וואונדער איבער די באדייט פון זיין טויש, האט דער מענטש געענטפערט א איבערראשנדע ענטפער: "ווען איך האב נעכטן געזעהן אייער געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט צו מקיים זיין דעם מנהג, כאטש דו ביזסט אנגעקומען אין צייט צום דאווענען, האסטו געווארט אויף דעם קומענדיגן מנין כדי נישט צו פארפעלן אפילו איין טאג פון דיין הייליגן מנהג, האב איך נישט געקענט נישט זיך שעמען אז איך בין גרייט דאס צו פארלירן, נישט איין טאג, נאר יעדן אינדערפרי... פלוצלינג האב איך איינגעזען ווי חשוב איז דער מנהג אין דיינע אויגן, האב איך באשלאסן זיך צושטעלן צו דיר... "

# דרך אמונים

## הלכות פון ענטפערן אמן

## דער מברך האט אנגעהויבן א אנדערע ברכה

### ברכות וואס דער ציבור דארף זיי הערן

**פון ווען דער ש"ץ האט אנגעהויבן זאגן א אנדערע ברכה, צ.ב.ש. ער האט שוין אנגעהויבן די ברכה "אתה גיבור", זאל מען מער נישט ענטפערן אמן אויף די פריערדיגע ברכה, אפילו עס איז נאכנישט אריבער דער שיעור פון 'כדי דיבור' פון איר ענדע. אבער עס זענען דא וואס האלטן אז אויב דער ש"ץ האט פושע געווען און אנגעהויבן די קומענדיגע ברכה אן איבערלאזן פארן ציבור גענוג צייט צו ענטפערן אמן אויף די ערשטע ברכה, איז נאכנישט בטל געווארן פונעם ציבור די חוב פון ענטפערן אמן.**

מקורות וביאורים:

דער 'ברכי יוסף' (או"ח קכד ט) ברענגט די דעה פון רבי יעקב מולכו אז דערנאך וואס דער שליח הציבור האט אנגעהויבן א נייע ברכה, זאל מען נישט ענטפערן אמן אויף די פריערדיגע ברכה, ווייל עס האט זיך שוין געענדיגט דער זמן פון די ערשטע ברכה, און עס ווערט גערעכנט ווי ענטפערן אמן אן א ברכה. דער 'משנה ברורה' (קכד לז) כאפט אן ווי די דעה, און אין 'ביאור הלכה' (שם יא) ברענגט ער אז אזוי האלט אויך דער 'מגן גיבורים'. אין ספר 'קשר גודל' (סי' ט אות כט) לייגט צו דער חיד"א אז דער שטראף פון פארלירן די אמן ליגט אויפן ש"ץ. אבער דער 'ברכי יוסף' אליין צייכנט צו א 'הלכות קטנות' (ח"א סי' נה) וואס קריגט און האלט אז כל זמן דער ציבור האט נישט געענטפערט אמן האט זיך נישט געענדיגט די ברכה, און דער ש"ץ וואס האט זיך געיאגט אנהויבן די קומענדיגע ברכה קען נישט מאכן פארלירן די אמן פון דעם ציבור. און זעה אין 'תורת חיים' (שם יב) וואס געבט אים גערעכט. דער 'הלכות קטנות' ברענגט נאך א סברא אויף דעם וואס מען דארף ענטפערן אמן נאך די ברכה "מגן אברהם" כאטש ער האט שוין אנגעהויבן "אתה גיבור", ווייל די דריי ערשטע ברכות פון די שמו"ע ווערט גערעכנט ווי איין ברכה (רא"ש ברכות ז כג), דערפאר אויך נאך וואס דער ש"ץ האט אנגעהויבן די ברכה "אתה גיבור", האט זיך נישט נאכנישט פארענדיגט די ברכה פון "אבות".

### אנדערע ברכות

**דער אויבנדערמאנטער דין איז נאר ביי אזעלכע ברכות וואס דער ציבור איז מחויב זיי צו הערן, צ.ב.ש. ברכות פון חזרת הש"ץ, אבער אויף אזעלכע ברכות וואס עס ליגט נישט קיין חוב זיי צו הערן, לויט אלעמען מעג ענטפערן אמן אויך ווען דער מברך האט אנגעהויבן א אנדערע ברכה.**

מקורות וביאורים:

אזוי איז גע'פסק'נט אין שו"ת 'בצל החכמה' (ח"ה סי' יז), און קוק דארט נאך אז דאס זעלבע איז ווען דער מברך האט אנגעהויבן זאגן סתם אזאך באלד נאכן ענדיגן זיין ברכה.

אין 'הליכות שלמה' - תפילה (ו טז) שטייט אז דער דין איז אויך געזאגט געווארן לגבי קדיש, ווייל לכאורה מעג מען לויט אלעמען ענטפערן אמן וואס איז בעפאר "יהא שמיה רבא", אויך ווען דער חזן האט באלד פארגעזעצט זאגן "יהא שמיה רבא" וואס איז א אנדערער ענין, און בלייבט ביי א 'צריך עיון' (הערה כג). אין 'משנה אחרונה' (סי' קכד הערה תקה) ערקלערט ער זיין טעם, ווייל דער ציבור דארף נישט הערן ווי דער ש"ץ זאגט "יהא שמיה רבא", איז עס גערעכנט ווי ער האט אנגעהויבן א ברכה וואס דער ציבור דארף נישט הערן, וואס אויף אזא אופן מעג מען לויט אלעמען ענטפערן אמן נאך די פריערדיגע ברכה.

# דזעי אמונים

## פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן

**הגאון רבי דוד כהן שליט"א**
ראש ישיבת חברון



עס איז באקאנט וואס די חכמים זאגן (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מהמברך". עס איז ראוי מיר זאלן ארייננטראכטן: וואס איז די ספעציעלע גרויסקייט פון דער וואס ענטפערט אמן?

די גמרא אין שבת (קיט ב) זאגט אז די באדייט פון אמן איז: "א-ל מלך נאמן", און בפשטות קען מען ערקלערן, דער וואס ענטפערט באשטעטיגט די ווערטער וואס דער מברך האט געזאגט. אבער מען קען מער ערקלערן, אין די צייט וואס זאגן די ברכה איז נאר א מאמענטאלע אויסדרוק פון אמונה, ווייל דער וואס זאגט די ברכה לעבט עס 'נאר' אין דער מינוט וואס ער לויבט, דער וואס ענטפערט אמן באהעפט זיך צו א מציאות פון אמונה וואס ציהט זיך אויף אייביג, און אויך מיט דעם ווערט עס גערעכנט ווי ער איז מקיים די ברכה, ד.מ. ער ברענגט ארויס א אייביגע עקזיסטענץ פון "א-ל מלך נאמן", און דאס איז די טיפקייט פון די מעלה פון דער עונה מער ווי דער מברך.

אויך די באדייט פון ענטפערן אמן "בכל כוחו", וואס חז"ל האבן געזאגט אז די עפענונג פון די טויערן פון גן עדן איז געוואנדן אין דעם, ווערט פארטייטשט אויף דעם וועג. ווייל אויף דעם וואס חז"ל זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן", ערקלערט רש"י (שם ד"ה כל) אז "בכל כוחו" מיינט "בכל כוונתו", איז די כוונה קלאר אז דער מענטש דארף ענטפערן אמן "בכל כוונתו", ד.מ. מיט א כוונה פון א אייביגע אמונה וואס ווערט ערקלערט אין די ווערטער "א-ל מלך נאמן".

א מענטש וואס איז זוכה צו לעבן מיט אמונה, לעבט ער אויף דער וועלט אין גן עדן, פשוטו כמשמעו. ווייל א מענטש וואס ענטפערט אמן אויף א ברכה, שטעלט ער אוועק מיט דעם די יסוד פון כל התורה כולה, וואס דאס איז אמונה, אזוי ווי חז"ל זאגן (מכות כד א) אז חבקוק האט אוועקגעשטעלט אלע מצוות פון תורה אויף אמונה. דער וואס איז זוכה צו א חלק אין די גאנצע תורה, לעבט ער אין עולם הזה אין א 'גן עדן', און דאס איז באדייט פון די הבטחה "פותחים לו שערי גן עדן".

דער זוהר הקדוש (ראה תיקזו"ח קלג א) זאגט אז דער לשון הפסוק "צדיק באמונתו" גייט ארויף אויף 'צדי"ק [ניינציג] אמנים'. דער פשט אין דעם איז, אז דורך אכטונג געבן צו זאגן צדי"ק אמנים ווערט דער מענטש א מציאות פון א 'צדיק', ווייל זיין גאנצע לעבנ'ס סיסטעם ווערט א לעבנ'ס סיסטעם פון א כסדר'דיגע און אייביגע אמונה.

דערפון לערנען מיר אז "אמן" איז נישט נאר א מאמענט פון אמונה, נאר א אויסדרוק אויף א געגנצליכע לעבן פון אמונה. און דער וואס זיין גאנצע טאג-טעגליכן לעבן אין א לעבן פון אמונה, דאס איז דער יסוד פון דער גאנצער תורה.

דאס עפענען די טויערן פון גן עדן פאר דער וואס ענטפערט אמן בכל כוחו דרש'ענען די חכמים פון דער פסוק (ישעיה כו ב): "'פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים' - "אל תקרי 'שמר אמנים' אלא 'שאומרים אמן'". ערקלערט דער מהרש"א (ח"א שם) די כוונה פון די חכמים איז נישט אוועקגיין פון די פשוטע טייטש, נאר אז מען דארף ליינען דער פסוק אזוי ווי עס שטייט - 'שמר אמנים', און טייטשן די ווארט 'שמר' פון לשון ווארטן (ראה רש"י ישעיה שם). ווייל ווען א מענטש הערט א ברכה, דארף ער ווארטן און צוהערן און וויסן פון וואספארא ברכה רעדט זיך עס, כדי ער זאל קענען ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין. ווייל די עבודה פון דעם מענטש איז נישט בלויז צו זאגן דעם אמן ווען ער האט די געלעגנהייט, נאר עס 'אפהיטן', ד.מ. הערן יעדע ברכה און אכטונג געבן נישט צו פארלירן דעם אמן, אויפזוכן די וואס זאגן די ברכות, צוהערן און מקפיד זיין צו ענטפערן נאך זיי אמן.

אונזער דור האט זוכה געווען צו 'בני אמונים', וואס אויסער וואס זיי דערמאנען כלל ישראל צו זיין 'שומרי אמונים', האבן זיי אויך אריינגעברענגט אין כלל ישראל די פארגעסענע באגריף פון "צדיק באמונתו יחיה". אויב ווען מיר וויסן ווי אזוי צו גיין אין די וועג, ענטפערן אמן בכל כוחו - מיט די גאנצע כוונה, וועלן מיר זיכער זוכה זיין צו א לעבן פון אמונה, וואס דאס איז דער יסוד פון דער גאנצער תורה.

# רזי אמונים

## דער חיוב פון השתדלות ביים ענטפערן אמן

### אין הימל איז מען מקפיד אויף נישט ענטפערן אמן

יו"ט שבועות ביינאכט אין יאר תשס"א, איז נפטר געווארן אין בני ברק א חשובער יונגערמאן און א געוואלדיגער מתמיד, פון די בעסטע יונגעלייט אין 'כולל חזון איש', זיין נאמען איז געווען הרה"ג רבי משה הורוויץ. נאך זיין פטירה האט ער זיך באוויזן אין חלום צו זיין געוועזענער חברותא אין כולל אין לויף פון אסאך יארן, און אים אנטפלעקט אז אין הימל איז מען זייער מקפיד אויף דעם וואס מען טוהט גרינגשעצן אין ענטפערן אמן.

די מעשה איז געהערט געווארן פון די מויל פון רעביצין קייניעווסקי ע"ה צווישן אירע חיזוק ווערטער וואס זי האט רעקאדירט צו די 'בני אמונים' קאנפערענץ, בערך צוויי וואכן בעפאר איר פטירה. דער רעביצין האט עדות געזאגט אז דער יונגערמאן וואס האט געלערנט בחברותא מיט הרב הורוויץ האט איר דערציילט די מעשה, און זי האט צוגעגעבן און דערציילט איבער דעם אומגלויבליכן רעאקציע וואס די מעשה האט געהאט, און דאס זענען געווען אירע ווערטער:

"ווען איך האב געהערט די מעשה בין איך שטארק דערשראקן און אויפגעציטערט געווארן. איך האב געטראכט צו מיר, עס איז אוממעגליך צו הערן אזעלכע ווערטער וואס זענען איבערגעגעבן געווארן פון הימל, און מיר וועלן ווייטער ממשיך זיין מיט אונזער סדר היום ווי געווענליך, ווי לאנג מיר לעבן אויף דער וועלט קענען מיר און מיר דארפן טוהן צו דער זאך און זיך מחזק זיין אין ענטפערן אמן. איך פיר זיך דאווענען יעדן אינדערפרי אין די ווייבער-שוהל פון די 'לעדערמאן שוהל', ווען נאך ארום פופציג פרויען דאווענען מיט, מיר אלע האבן באשלאסן פון יעצט און ווייטער צו קומען פריער, כדי יעדע זאל זאגן די ברכות השחר אין איר רייע, און אזוי וועלן מיר זוכה זיין ענטפערן אמן אויף עטליכע הונדערט ברכות יעדן טאג.

אויסער דעם, איידער איך גיי דאווענען, הער איך די ברכות השחר פון מיין חשוב'ן מאן און איך ענטפער נאך אים אמן, און נאכדעם זאג איך די ברכות השחר און ער ענטפערט אמן.

אין טאג האב איך דערציילט פאר איינעם פון מיינע אייניקלעך, וועלכער איז אויך הרב שטיינמאן'ס אייניקל, די מעשה פון רבי משה הורוויץ'ס אנטפלעקונג אין חלום, און די חיזוק וואס מיר האבן זיך אונטערגענומען אדאנק דעם. ער האט עס דערציילט פאר זיין זיידע הרב שטיינמאן, און ער איז אויך נישט געבליבן גלייכגילטיג הערנדיג די ווערטער. צוליב דעם האט ער דאן באשלאסן, אז אויך אין די מנין וואס קומט פאר ביי אים אין שטוב, זאלן די מתפללים זאגן פריער די ברכות השחר אויפן קול איינער פארן צווייטן, כדי זוכה זיין צו ענטפערן אמן".

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א

וואס טראגט מיט א שטארקייט דעם פאן פון ענטפערן אמן אין אונזער דור!

א גרויסן דאנק פאר אייער שטענדיגע איבערגעגעבנקייט אנצינדן אן קיין אויפהער די פלאם פון ענטפערן אמן וואס באלויכט אונז אלע, און אויף די שטענדיגע ערקלערונג איבער איר גרויסקייט בטוב טעם ודעת, מיט סיעתא דשמיא און מיט גרויס הצלחה.

איך האב געזעהן אז איר האט געברענגט אין אייער גליון א וואונדערליכן ווארט אין נאמען פון 'דברי חיים' אויפן פסוק (דברים יא כז): "את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה' אלקיכם", און דאס זענען זיינע רייד: "את הברכה" דארף מען זאגן "אשר תשמעו" - אויף אזא אופן אז די ארומיגע זאלן הערן און ענטפערן אמן, און מען זאל נישט גרינגשעצן אין דעם, ווייל עס ווערט אריינגערעכנט צווישן אלע "מצוות ה' אלקיכם".

לויט דעם האב איך געטראכט צו זאגן אז דער ענין איז אויך מרומז אין דער פסוק וואס הייבט אן די צווייטע קאפיטל פון קריאת שמע (שם יג): "והיה אם שמע תשמעו אל מצותי אשר אנכי מצוה אתכם היום..." וואס לכאורה איז שווער פארוואס עס שטייט א לשון פון הערן און נישט א לשון פון טוהן, אזוי ווי עס איז פאסיג צו שרייבן אויף מקיים זיין די מצוות, און אזוי ווי עס שטייט (שם טו מ): "למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי"...?

אבער לויט וואס איז אויבן געזאגט געווארן קען מען זאגן אז דא איז מרומז דער ענין פון ענטפערן אמן וואס איז אנגעהאנגען אין הערן די ברכות, און דאס איז מרומז אויך אין די ראשי תיבות פון די ווערטער "אנכי מצוה" - 'אמן'.

יישר כוחכם, און שטארק זיך ווייטער

**בנימין שיינבערג**

ברוקלין ניו יארק

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די מצבה אויף די קבר פון רבי יהודה אסאד אין סערדעהאלי

### רבי יהודה אסאד
### כ"ג סיון תרכ"ו

ר' יהודה אסאד איז געבוירן געווארן אין יאר תקנ"ז צו זיין פאטער ר' ישראל אין די שטעטל אסאד אין אונגארן, וואס ער איז שפעטער אנגערופן געווארן אויף איר נאמען. אין זיין יוגנט איז ער געפארן צו די שטאט סודיטץ וואו ער האט געלערנט תורה פון די ברידער רבי יהודה פאלק ביכלער און רבי אהרן סודיטץ. שפעטער איז ער געגאנגען לערנען אין די גרויסע ישיבה פון רבי מרדכי בנעט אין ניקלעשבורג.

צום ערשט האט ער געדינט אלס רב אין שטעטל רעטע, פון דארט איז ער אריבער צו דינען אלס רב אין סעמניץ, וואו ער האט געדינט ברבנות איין און צוואנציג יאר, און אויך אנגעפירט דארט א גרויסע ישיבה. זיין נאמען איז געווען באקאנט אלס איינער פון די גרעסטע חכמי מדינת אונגארן, און פון גאנץ אייראפע האט מען זיך געוואנדן צו אים מיט הלכה'דיגע שאלות.

אין יאר תרי"ג איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט סערדאהעלי, און האט אהין אריבערגעפירט זיין ישיבה. אויף דער עלטער איז ער שוואך געווארן און כ"ג סיון תרכ"ג איז ער נסתלק געווארן לעולם שכולו טוב און איז באערדיגט געווארן אויפן אידישן בית-עולם אין סערדאהעלי.

פון זיינע חיבורים זענען פארהאן: 'שו"ת מהרי"א - יהודה יעלה'; 'חידושי מהרי"א' על הש"ס; 'דברי מהרי"א' על התורה.

### אמן אנשטאט "ברוך שם..."

חז"ל זאגן (תענית טז ב) אז אין בית המקדש האט מען נישט געענטפערט אמן אויף די ברכות, נאר מען האט געזאגט: "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", שרייבט רבינו בחיי ('כד הקמח' ערך אמונה) אז ענטפערן אמן "האט די מעלה פון 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד' וואס איז געזאגט געווארן אין די צייט פון בית המקדש".

ערקלערט רבי יהודה אסאד, אז סיי מיטן ענטפערן אמן, וואס איז ראשי תיבות "א-ל מלך נאמן" (שבת קיט ב) און סיי מיטן זאגן "ברוך שם..." רופן מיר אויס די זעלבע זאך - אז הקב"ה איז היה הווה ויהיה, וואס ווי באקאנט איז דאס די כוונה פון די שם הוי"ה (כמבואר ב'שלחן ערוך' או"ח ה א); "א-ל" ווייזט אויף דעם וואס הקב"ה איז פריער פון אלעס, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו מג י): "לפני לא נוצר א-ל", און דאס איז אויך די כוונה פון די ווערטער "ברוך שם". "מלך" ווייזט אז הקב"ה איז משגיח און פירט די וועלט בהווה, און דאס ווייזן אויך די ווערטער "כבוד מלכותו". "נאמן" ווייזט אויף נצחיות און קיום, אקעגן "לעולם ועד" ('דברי מהרי"א' ואתחנן).